## דער בוידעם / יוסף רובינשטיין

דער בוידעם גנבֿעט שטערן בײַ דער נאַכט
און חבֿרט זיך פֿאַרטרוילעך מיטן קוימען;
זיצט נישט אומזיסט דער קוימען אויפֿן דאַך
פֿאַרטײַעט אַלע אָוונט, ווי אַ שומר.

אַ גאַנצע נאַכט פֿאַרטוליעטע צו זיך
וואַרטן זיי געהיימנישפֿול פֿאַרסודעט.
אַ שטערן פֿאַלט מיט ציטערדיקן ליכט
און — שוין האַלט געפֿאַנגען אים דער בוידעם.

נאָר קומט דער טאָג אַ זוניקער צוגיין
און ליכטיק ווערט און העל אין אַלע ווינקלען,
הייבט אָן דער בוידעם, ווי פֿון זיך אַליין,
דורך שפּאַרעס טונקעלע צו פֿינקלען.

דאָס בלינצלען שטיקלעך גלאָז אויף ווי קרישטאָל,
געשליפֿענער קרישטאָל, ווען זון צעבלויט אים,
ווי ס'וואָלטן שטראַליק אויפֿגעגלאַנצט צומאָל
געפֿאַנגענע די שטערן אויפֿן בוידעם.

וואַרשע, 1939
(פֿון *מאָדעלן*)

## עֲלִיַּת הַגַּג / יוסף רובינשטיין

עברית: ישׂראלה בקר

עֲלִיַּת הַגַּג גּוֹנֶבֶת כּוֹכָבִים,
וְעִם הָאֲרֻבָּה הִיא מִתְחָבֶרֶת;
וְזוֹ יוֹשֶׁבֶת כָּל הָעֲרָבִים,
אוֹרֶבֶת עַל הַגַּג, כְּמוֹ שׁוֹמֶרֶת.

לֵילוֹת שְׁלֵמִים יוֹשְׁבוֹת מְכֻרְבָּלוֹת,
וּמְחַכּוֹת עוֹטְפוֹת סוֹד וְחִידָה.
כּוֹכָב נוֹפֵל — אוֹרוֹ רוֹעֵד קַלּוֹת,
וְהוֹפּ — עֲלִיַּת הַגַּג אוֹתוֹ שָׁבְתָה.

וְאַךְ עוֹלֶה הַיּוֹם אָפוּף חַמָּה,
וְכָל פִּינָּה מוּאֶרֶת, מִתְבַּהֶרֶת,
מִיָּד עֲלִיַּת הַגַּג, כְּמוֹ מֵעַצְמָהּ,
מִכָּל הַחֲרַכִּים זוֹהֶרֶת.

הֵן אֵלֶּה רְסִיסֵי זְכוּכִית בּוֹרְקִים,
כְּמוֹ בְּדֹלַח הַמַּכְחִיל בְּאוֹר הַשֶּׁמֶשׁ,
כְּמוֹ הָיוּ זוֹרְחִים שָׁם לִפְרָקִים
הַכּוֹכָבִים אֲשֶׁר נִשְׁבּוּ כְּבָר אֶמֶשׁ.

תל-אביב, ינואר 2025